מיוחד!
'לכבוד פסח"

בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע

מאת הרה"ח ר' לוי יצחק בענדער ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות מאנ"ש מדורות הקודמים

~ אידיש ~

קונטרס ל"ו - שבוע שחל בו פסח תשע"ט

# תוכן השיעור

**'שיעורים וצמצומים לאלקותו יתברך'**

**'שכל תחתון ושכל עליון'**

**'שבע שבתות תמימות תהיינה'**

**'תשובה למעלה מן הזמן'**

**'כי קרוב אליך הדבר מאוד'**

**'מאך נישט 'בעסער'!...**

להאזין אל כל השיחות שי"ל על ידינו

**079-5281887**

ארה"ב; **1-646-585-2960** ואח"כ להקיש את מס' הנ"ל

אירופה; **033-03900485** ואח"כ להקיש את מס' הנ"ל

**לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש 2 ואח"כ 36**

©

כל הזכויות שמורות

**הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל;**

יוסף מענדל האס, מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443** (מארה"ק; **072-257-3456**)

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל;

**Rlyb148@gmail.com**

כמו כן ניתן לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $10 עבור הוצאות עריכת הקונטרסים, נא לפנות אל מס' **347-232-7166 (+1)**

# חול המועד פסח, תשל"ד

## ~ ומצורף אליו שיעור שנאמר בפרשת שמיני תשל"ד (חלק ראשון) ~

(טייפ מס' 28#)

## 'שיעורים וצמצומים לאלקותו יתברך'

(חסר ההתחלה, ולפי הנראה מהמשך השיחה מדובר כאן מליקוטי הלכות הל' נזיקין ד', המיוסד על ליקוטי מוהר"ן תו' ל', כמו כן מדובר שם מעניני פסח וספירת העומר)

- - - "כמה עלמין אתהפיכו בגינייהו"[א] אז ס'זאלן זיך צוזאמקומען דער מיט דעם, די וועלטן קערן זיך איבער אז ס'זאלן זיך צונויפקומען די צוויי מענטשן! און אז מען קומט זיך צונויף, נעמט מען און מען נוצט עס אויס (לדברים בטלים), איז צוקלאפט אינגאנצן! דער מכוון מלמעלה ווערט נישט נשלם!

פארוואס האט דער אויבערשטער צוגעפירט אז ס'זאלן זיך צונויפקומען די צוויי מענטשן? כדי מען זאל רעדן דיבורים פונעם תכלית![ב]

*

- - - וויבאלד "לבד הנשמה הטהורה" - אזוי ווי מען זאגט - איך האב א נשמה טהורה וואס דאס איז ביי א בהמה נישטא! (- "ומותר האדם מן הבהמה אין וכו' לבד הנשמה הטהורה"). איז דאך ממילא אלסדינג - וואס אין מיר איז דא; זיין רעדן איז אן אנדערער רעדן, זיין שלאפן איז אן אנדערער שלאפן, זיין טראכטן איז אן אנדערער טראכטן, און זיין עסן - אלעס! - - - מיר האבן דאך א נשמה טהורה![ג]

---

[א] עפ"י מליצת לשון ליקוטי תפלות חלק שני תפלה ל"ג.

[ב] כנראה שהכוונה עפ"י הליקוטי הלכות הל' נזיקין ד' המובא להלן בהמשך השיחה, וז"ל שם באות י"א וי"ב; וְזֹאת הַנְּקֻדָּה טוֹבָה שֶׁיֵּשׁ בְּכָל אֶחָד הִיא בְּחִינַת צִנּוֹר וּכְלִי שֶׁהַצַּדִּיק מַמְשִׁיךְ עַל יָדוֹ הַשָּׂגוֹת אֱלֹקוּת ... עַל יְדֵי קִבּוּץ תַּלְמִידָיו יַחַד לִדְבָרִים שֶׁבִּקְדֻשָּׁה, וְכָל אֶחָד מִתְעוֹרֵר לַה' יִתְבָּרַךְ כְּפִי הַנְּקֻדָּה טוֹבָה שֶׁהֵאִיר בּוֹ הַצַּדִּיק, וְכָל אֶחָד מְסַפֵּר מַה שֶּׁשָּׁמַע וְרָאָה מִמֶּנּוּ, וְעַל יְדֵי זֶה יְכוֹלִין לְהַחֲיוֹת אֶת כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ.

[ג] כנראה שהכוונה עפימש"כ בליקוטי הלכות הל' נזיקין ד' שם אות ז'; שֶׁכָּל הַשִּׂכְלִיִּים וְהַצִּמְצוּמִים כָּל זְמַן שֶׁאֵין מְנִיפִין אוֹתָם לַה' יִתְבָּרַךְ הֵם כֻּלָּם רַק בְּחִינַת בַּהֲמִיּוּת מַמָּשׁ, בְּחִינַת הֶעְדֵּר הַדַּעַת, וְעִקַּר תִּקּוּנָם עַל יְדֵי הַהֲנָפָה שֶׁמְּנִיפִין וּמְרִימִין אוֹתָם לַה' יִתְבָּרַךְ, לְהַשִּׂיג אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ עַל יָדָם...

*

- - - (די גמרא זאגט) **"כל האומר אין לו אלא תורה - אפילו תורה אין לו"**,[ד] מען קען זיין א למדן - א רשע גמור, "אין לו אלא תורה"!

די תורה איז דאך א תבלין קעגן דעם יצר הרע! "איך האב באשאפן א יצר הרע - האב איך קעגן דעם א תבלין"![ה] די תורה איז דאך "המאור שבה מחזיר למוטב"![ו]

דאס זאגט רבי נתן,[ז] אז דארטן ליגט דאך 'חכמתו יתברך', דער אויבערשטער ליגט אין די תורה!

אז ער זאגט "איך האב נאר תורה אליין" - איז דאך ממש אפיקורסות! איז "אפילו תורה אין לו"!

*

- - - דער זוהר הקדוש רופט אָן די וועלט "עלמא דשיקרא",[ח] 'דארטן' (- יענע וועלט) רופט ער "עלמא דקשוט".[ט]

די וועלט אליין - אז מען רייסט עס אפ פונעם אויבערשטן איז עס 'עלמא דשיקרא', וואס איך טוה איז עס אלץ 'פאלש'! און 'דארטן' איז 'עלמא דקשוט', נאר מען איז דאך פארט דא אין דער וועלט - דארף איך אבער האבן א התקשרות צו יענע וועלט![י]

*

---

[ד] עי' יבמות דף ק"ט ע"ב.

[ה] עי' קידושין דף ל' ע"ב.

[ו] עי' מדרש רבה איכה, הקדמה פ"ב.

[ז] עי' בליקוטי הלכות הל' נזיקין ד' שם אות ב; וְזֶה עִקַּר כְּלַל כָּל הַתּוֹרָה וּכְלַל כָּל הַכַּוָּנוֹת שֶׁל כָּל הַמִּצְוֹת הַקְּדוֹשִׁים, כִּי כֻּלָּם הֵם שִׁעוּרִים וְצִמְצוּמִים לֶאֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרֵךְ, שֶׁעַל יְדֵי אֵלּוּ הַמִּצְוֹת אָנוּ זוֹכִין לְהַמְשִׁיךְ הַשִּׂכְלִיִּים וְהַצִּמְצוּמִים הַקְּדוֹשִׁים, שֶׁעַל יָדָם נִזְכֶּה לְהַשָּׂגוֹת אֱלֹקוּת לָדַעַת וּלְהַכִּיר אוֹתוֹ יִתְבָּרֵךְ...

[ח] עי' תיקוני זוהר תיקון ס"ג.

[ט] עי' זוה"ק פרשת וישב דף קצ"ב ע"ב.

[י] עי' בליקוטי הלכות הל' נזיקין ד' שם אות ב; כִּי צָרִיךְ כָּל אָדָם לְהַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה שֶׁכָּל מַה שֶּׁעוֹבֵר עָלָיו בְּכָל יוֹם וּבְכָל עֵת וּבְכָל שָׁעָה, מִיּוֹם הִוָּלְדוֹ עַד יוֹם מוֹתוֹ, הַכֹּל הוּא רַק סִבּוּבִים מֵאִתּוֹ יִתְבָּרֵךְ כְּדֵי שֶׁיִּזְכֶּה לְהַשָּׂגוֹת אֱלֹקוּת, לָדַעַת וּלְהַכִּיר אוֹתוֹ יִתְבָּרֵךְ ...

דאס הייסט - ווי דער רבי זאגט דא דער 'צמצום'[יא] - וואס ליגט "אינעוויייניג" אין דעם צמצום! אויב איז דארטן דא אלסדינג, האב איך שוין אלסדינג!

אבער טאמער וויל איך האבן די זאך אליין, ממש איך רייס אפ די וועלט פון יענע וועלט, איז עס גארנישט! ממש "ומותר האדם מן הבהמה אין"!

אויף דעם האט דער רבי געהייסן זיך מיישב זיין פאר'ן אויבערשטן! דורכ'ן מיישב זיין האט מען א התקשרות צום 'עלמא דאתי', איך רייס זיך נישט אפ פון 'עלמא דאתי'! ממילא - זאגט דער רבי אין תורה נ"ד[יב] - ווערט נשלם די 'הוי"ה אלקי', די צוויי שמות, דער שם הוי"ה און דער שם אלקים, דאס איז - 'די וועלט' און 'יענע וועלט'!

"סליקו דמחשבתא דעלמא דאתי" שטייט אין זוהר הקדוש,[יג] אז די מחשבה גייט ארויף אויף עלמא דאתי! ווערט נשלם דער 'הוי"ה אלקי', די צוויי שמות! דער שם 'הוי"ה' אליין איז נאכנישט קיין שלימות, 'אלקי' איז דאך 'מלכות' - 'דער וועלט'! אז איך נעם אריין (זכרון עלמא דאתי), איך בין פון דער וועלט און מיין מחשבה איז אין עלמא דאתי - ווערט נשלם דער 'הוי"ה אלקי'!

*

# 'שכל תחתון ושכל עליון'

(חסר, ממשיך ללמוד בליקוטי מוהר"ן תו' ל' אות ג') **וְזֶה בְּחִינַת "וַיֵּרָא אֵלָיו ה' בְּלַבַּת אֵשׁ", שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ רָצָה לְהַלְבִּישׁ לוֹ הַשָּׂגוֹת אֱלֹקוּת, וְהִלְבִּישׁ לוֹ בִּבְחִינַת**

---

[יא] ליקוטי מוהר"ן תו' ל' אות ג' באמצע; וְכָל מִצְוָה וּמִצְוָה יֵשׁ לָהּ אוֹתִיּוֹת וְתֵבוֹת וְעִנְיָנִים, שֶׁהֵם שִׁעוּרִים וּגְבוּלִים שֶׁמְּצַמְצֵם בָּהֶן חָכְמָתוֹ יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ, שֶׁזֶּה בְּחִינַת הִתְלַבְּשׁוּת הַשֵּׂכֶל הָעֶלְיוֹן בַּשֵּׂכֶל הַתַּחְתּוֹן, שֶׁעַל־יְדֵי־זֶה זוֹכִין לְהַשָּׂגוֹת אֱלֹקוּת כַּנַּ"ל...

[יב] עי' שם אות א'; כִּי צְרִיכִין לִשְׁמֹר מְאֹד אֶת הַזִּכָּרוֹן, שֶׁלֹּא יִפֹּל לְשִׁכְחָה, בְּחִינַת מִיתַת הַלֵּב. וְעִקַּר הַזִּכָּרוֹן הוּא לִזְכֹּר תָּמִיד בְּעָלְמָא דְאָתֵי, שֶׁלֹּא יִהְיֶה בְּדַעְתּוֹ ח"ו, שֶׁאֵין עוֹלָם אֶלָּא אֶחָד. וְעַל־יְדֵי מַה שֶּׁמְּדַבֵּק מַחֲשַׁבְתּוֹ בְּעָלְמָא דְאָתֵי, עַל־יְדֵי־זֶה נַעֲשֶׂה יִחוּד ה' אֱלֹקַי...

[יג] שם בהמשך; ...וְכֵן מְבֹאָר בְּסָבָא מִשְׁפָּטִים דַּף צ"ח עַל פָּסוּק זֶה, ה' אֱלֹקַי, דָּא שֵׁרוּתָא דִּמְהֵימְנוּתָא, סְלִיקוּ דְּמַחֲשָׁבָה דְעָלְמָא דְאָתֵי...

**בַּת עַיִן הַנַּ"ל. ער האט געזעהן דעם אויבערשטן, האט ער געוואלט מלביש זיין די 'השגת אלקות', און ער האט עס מלביש געווען אין דעם 'בת עין'.[יד]**

**אין 'בת עין' איז שוין דא די 'בחירה', דעם 'בת עין' דארף איך אליין אויסהארעווען, דארף איך אליין האבן - דארט וועט שוין ווערן מלובש דער "וירא אליו ה'".**

**"בת היתה לו לאברהם",[טו] אברהם האט געהאט דעם 'בת', האט דער אויבערשטער זיך באוויזן צו איהם! און ביי משה איז אויך אזוי געווען, אין דעם 'בת אש' וואס ער האט געהאט, האט דארט זיך באוויזן דער אויבערשטער צו איהם!**

**א 'נביא', פארוואס עפעס קומט דער אויבערשטער מיט דער נביא? פארוואס האט זיך דער אויבערשטער באוויזן צו איהם? ווייל ער האט אין זיך דעם 'בת עין'! ער האט אין זיך דעם 'שכל התחתון'! ער האט אין זיך די זאך, דארטן ווערט "נאוה שבשכל העליון"![טז]**

**ס'איז חילוקים געווען אין די נביאים, חז"ל זאגן אזוי,[יז] 'משה' איז געווען דער 'בכור' פון אלע נביאים, 'באספקלריא המאירה'!**

**אבער יעדער נביא האט דאך געהאט עפעס א בחינה דערפון, דער אויבערשטער האט זיך באוויזן צו דער נביא, און גערעדט מיט איהם! די אלע דברי נבואה; ישעי' הנביא, ירמי' הנביא, איז דאך אלעס געווען דיבורי ה', "כה אמר ה'"!**

**פארוואס? ווייל ער האט געהאט אין זיך דעם 'בת עין'! דאס וואס מען לייגט אריין איז דארטן דא - ער קוקט נישט נאר אויף דעם צמצום אליין!**

*

---

[יד] רצה לומר עפ"י המבואר שם לפני זה; וְזֶה בְּחִינַת 'בַּת הָיְתָה לוֹ לְאַבְרָהָם אָבִינוּ וּבַכֹּל שְׁמָהּ', 'בַּת', זֶה בְּחִינַת בַּת עַיִן, דְּהַיְנוּ הַשָּׁחֹר שֶׁבָּעַיִן, שֶׁהוּא בְּחִינַת הַשַּׁחֲרוּת הַנַּ"ל, שֶׁהוּא מְצַמְצֵם וּמַגְבִּיל וְכוֹלֵל בְּעַצְמוֹ כָּל הַדְּבָרִים הַגְּדוֹלִים הָעוֹמְדִים לְנֶגְדּוֹ ... כְּמוֹ כֵן זֶה הַשֵּׂכֶל הַתַּחְתּוֹן מְצַמְצֵם וּמַגְבִּיל הַשֵּׂכֶל הַגָּדוֹל הָעֶלְיוֹן וְנִכְלָל בְּתוֹכוֹ, וְעַל־יְדֵי־ זֶה רוֹאִין וּמְבִינִים וּמַשִּׂיגִים אֶת הַשֵּׂכֶל הָעֶלְיוֹן הַגָּדוֹל כַּנַּ"ל.

[טו] עי' שם בליקוטי מוהר"ן לעיל, (הועתק באות הקדום).

[טז] עפ"י הלשון בליקוטי מוהר"ן שם לעיל.

[יז] עי' יבמות דף מ"ט ע"ב.

(ממשיך בליקוטי מוהר"ן שם); **וְזֶה בְּחִינַת 'בַּת תְּהִלָּה – סִימָן יָפֶה לְבָנִים'.** 'בת' - אז מען האט אין זיך דעם 'בת עין', **'בַּת תְּהִלָּה', זֶה בְּחִינַת הַשֵּׂכֶל הַתַּחְתּוֹן שֶׁהוּא תְּחִלָּה וְהַקְדָּמָה לַשֵּׂכֶל הָעֶלְיוֹן** - דאס קען קומען נאר דורך אסאך 'ישוב הדעת', אסאך רעדן דיבורים צום אויבערשטן, ארײנקלאפן אין דעם גוף אריין אז ער זאל וויסן אז דאס אלעס איז נאר צמצומים, און אז דארטן ליגט א "נאוה ויופי של השכל העליון - השגות אלקות".[יח]

האבן אין זיך דעם 'בת תחילה', דארף מען אסאך רעדן צום אויבערשטן דיבורים, פאלגן דעם רבי'ן, דעם רבי'נס עצות פאלגן!

*

**וְזֶה בְּחִינַת: 'סִימָן יָפֶה לְבָנִים', 'בָּנִים', זֶה בְּחִינַת הַשֵּׂכֶל הָעֶלְיוֹן, כְּמַאֲמַר חֲכָמֵינוּ ז"ל "הָבִיאִי בָנַי מֵרָחוֹק וּבְנוֹתַי מִקְצֵה הָאָרֶץ", 'הָבִיאִי בָנַי - אֵלּוּ גָּלֻיּוֹת שֶׁבְּבָבֶל שֶׁדַּעְתָּן מְיֻשֶּׁבֶת כְּבָנִים'. 'בְּנוֹתַי - אֵלּוּ גָּלֻיּוֹת שֶׁבִּשְׁאָר אֲרָצוֹת שֶׁדַּעְתָּן אֵינָן מְיֻשֶּׁבֶת כְּבָנוֹת',** איז וואס נאר א מענטש זאל טראכטן, איז אלעס א בחינת 'בת', א דעה וואס איז נישט מיושב!

אז דער אויבערשטער העלפט, אז מען האלט גוט די געדאנקען, אז מען האט גוטע געדאנקען, דאס הייסט 'בנים', דאס איז א 'דעה מיושבת'!

נאר וואס דען - אז דער 'בת' וואס ס'איז דא אין מיר איז א 'תחילה', איז עס א "סימן יפה לבנים", 'בת' אליין איז טאקע נאר א צמצום, 'שכל התחתון', אז מען האט דעם 'בת' - ווייס איך שוין אז וואס ס'איז דא דא איז אלץ נאר א 'הקדמה', און ס'איז נאר א 'סיבוב'![יט]

**נִמְצָא שֶׁבָּנִים הֵם בְּחִינַת דַּעַת מְיֻשֶּׁבֶת, בְּחִינַת שֵׂכֶל עֶלְיוֹן וְגָדוֹל הַנַּ"ל, שֶׁמַּשִּׂיגִין עַל יְדֵי הַהַקְדָּמוֹת, בְּחִינַת שֵׂכֶל הַתַּחְתּוֹן כַּנַּ"ל.**

---

[יח] עפ"י הלשון בליקוטי מוהר"ן שם לעיל; **הַשֵּׂכֶל הַתַּחְתּוֹן הוּא בְּחִינַת שַׁחֲרוּת, שֶׁמְּצַמְצֵם בּוֹ נָאוָה וְיֹפִי שֶׁבַּשֵּׂכֶל הָעֶלְיוֹן...**

[יט] עפ"י הלשון בליקוטי מוהר"ן שם לעיל, ריש אות ג'; **הַשֵּׂכֶל הָעֶלְיוֹן שֶׁהוּא הַשָּׂגוֹת אֱלֹקוּת, הוּא מִתְלַבֵּשׁ בְּהַשֵּׂכֶל הַתַּחְתּוֹן. וְזֶה בְּחִינַת שַׂעֲרָא בְּעִגּוּלָא, בְּחִינַת סִבּוּבִים, דְּהַיְנוּ הַהַקְדָּמוֹת הַמְסַבְּבִין עַד שֶׁבָּאִים אֶל הַמְכֻוָּן כַּנַּ"ל...**

זיי (- די צדיקים) האבן אלעס געהאט! אבער וואס זיי האבן געהאט - האבן מיר אויך! די אייגענע תפילין, די אלע מצוות התורה, פסח, דער כזית מצה, אלעס איז געווען! נאר ביי זיי איז געווען - זיי האבן געהאט דעם 'בת תחילה', זיי האבן געוואוסט אז דאס איז אלס נאר א הקדמה, ס'איז אלס נאר א 'תחילה', און זיי האבן נאר געקוקט וואס ליגט 'אין דער זאך'!

*

# 'שבע שבתות תמימות תהיינה'

רבי נתן האט געזאגט: "אויף פסח וועט זיין, וואו נעמט מען פסח אליין"!

דאס הייסט - אז אפילו ביי די מצוות התורה - אבער וואו נעמט מען דעם 'פסח אליין', די 'אורות הקדושות' וואס ליגן דארטן אין פסח![כ]

*

עס שטייט טאקע, דער אר"י הקדוש ברענגט,[כא] אז די נאכט פון פסח, ביי דעם סדר, איז אזא מין לעכטיגקייט, אזא מין אור שיינט די נאכט, א געוואלד! א אור - אן 'איתערותא דלעילא'! דעם אור האט דער אויבערשטער באוויזן פאר די אידן בשעת די נאכט פון יציאת מצרים, אן אור גדול, א לעכטיגקייט, א געוואלדיגער אור!

---

[כ] עי' בליקוטי הלכות הל' נזיקין ד' הנ"ל אות ב' וד'; וְזֶה בְּחִינַת פֶּסַח, שֶׁאָז הַתְחָלַת הִתְקָרְבוּת יִשְׂרָאֵל לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם, עַל יְדֵי מֹשֶׁה רַבֵּנוּ שֶׁהוֹצִיאָנוּ אָז מִמִּצְרַיִם, וְגִלָּה לָנוּ הַשָּׂגַת אֱלֹקוּתוֹ בִּדְרָכִים נִפְלָאִים בְּאוֹתוֹת וּבְמוֹפְתִים נוֹרָאִים, וּבְשִׂכְלִיִּים גְּדוֹלִים וַעֲצוּמִים ... וְזֶה עִקַּר כְּלַל כָּל הַתּוֹרָה וּכְלַל כָּל הַכַּוָּנוֹת שֶׁל כָּל הַמִּצְוֹת הַקְּדוֹשִׁים, כִּי כֻּלָּם הֵם שִׁעוּרִים וְצִמְצוּמִים לֶאֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ ... וְעַל כֵּן חָמֵץ בְּפֶסַח בְּמַשֶּׁהוּ, כִּי אִיתָא שֶׁחָמֵץ הוּא בְּחִינַת מֹחִין דְּקַטְנוּת שֶׁמִּשָּׁם אֲחִיזַת הַסִּטְרָא אָחֳרָא, וּמַצָּה הִיא מֹחִין דְּגַדְלוּת, שֶׁעַל יָדָם מַשִּׂיגִין אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ ...

[כא] עי' פרי עץ חיים שער חג המצות פ"א. ועי' ליקוטי הלכות הל' שילוח הקן ה' אות ט"ו; כִּי בְּפֶסַח אָז הוּא הַתְחָלַת הִתְקָרְבוּת יִשְׂרָאֵל לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם, כִּי אָז הוּא יְצִיאַת מִצְרַיִם שֶׁיּוֹצְאִין מִמ"ט שַׁעֲרֵי טֻמְאָה וְנִכְנָסִין בְּמ"ט שַׁעֲרֵי קְדֻשָּׁה, וּמְבֹאָר בַּכַּוָּנוֹת וּמוּבָא בִּדְבָרֵינוּ שֶׁבְּיוֹם רִאשׁוֹן שֶׁל פֶּסַח נִמְשָׁכִין כָּל הַמֹּחִין וְאָז הוּא הִתְקָרְבוּת גָּדוֹל מְאֹד, וְאַחַר כָּךְ בְּיוֹם שֵׁנִי רִאשׁוֹן לַסְּפִירָה אָז מִסְתַּלְּקִין הַמֹּחִין וּמַתְחִילִין לְקַבְּלָם בְּהַדְרָגָה כְּסֵדֶר, וּכְבָר מְבֹאָר בְּשֵׁם הַבַּעַל שֵׁם טוֹב זַ"ל עַל זֶה שֶׁהוּא בְּחִינַת וְהוּא יְנַהֲגֵנוּ עַל מוּת, כְּמוֹ שֶׁמּוֹלִיכִין אֶת הַתִּינוֹק וּמְלַמְּדִין אוֹתוֹ לֵילֵךְ שֶׁבִּתְחִלָּה מוֹלִיכִין אוֹתוֹ בַּיָּדַיִם וְאַחַר כָּךְ פִּתְאֹם מְסַלְּקִין הַיָּדַיִם מִמֶּנּוּ כְּדֵי שֶׁיֵּלֵךְ מֵעַצְמוֹ...

ס'איז געקומען אויפצומארגן, האט מען צוגענומען פון זיי דעם אור, און געגעבן א מצוה פון ספירה, ספירה איז א ענין פון 'חיפוש', וואס איז ספירה? איך זוך! מען ווייזט מיר א זאך, מען נעמט עס ביי מיר צו, און איך הייב אן זוכן!

די ניין און פערציג טעג וואס מיר ציילן, מ"ט ימי הספירה, דאס זוכן מיר דעם אור פון פסח אויפדערנאכט!

ס'איז שוין איין טאג און איך האב נאכנישט דעם אור! ס'איז שוין מערערע טעג און איך האב איהם נאך נישט! ס'קומט שבועות - דאס איז דער אור פון פסח אויפדערנאכט! ס'קערט זיך אום דער אור צוריק!

דורכן ציילן ספירה - מען זוכט דעם אור מ"ט ימים - איז שבועות! נאר וואס דען? 'פסח' איז געווען דער אור אַן אתערותא דלעילא - נאר פון אויבן א מתנה, 'שבועות' האב איך שוין באקומען דעם אור דורך מיינע (יגיעות) - איך האב איהם אויסגעהארוועט! איך האב ניין און פערציג טעג געזוכט - האב איך באקומען צוריק דעם אור פון פסח אויפדערנאכט!

איז אויך דאס אייגענע; ווערליג מען ציילט ספירה, ווערליג מען זוכט אין די טעג, אזא מתן תורה האט מען טאקע! אזויפיל - וויפיל מען זוכט!

בגשמיות - איינער זוכט א זאך, איך האב עפעס פארלוירן, איך האב עס געפונען, האב איך געפונען די זאך וואס איך זוך! אבער ברוחניות איז דאס נישט שייך צו זאגן, נאר יעדער איינער וויפיל ער זוכט, געפינט ער מערער, וואס ער וועט מערער אפהיטן (- די ימי הספירה)![כב]

*

[כב] עי' ליקוטי הלכות הל' גביית חוב מהיתומים ג' אות י"ז; שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת סְפִירָה, שֶׁאַף עַל פִּי שֶׁבְּכָל יוֹם וָיוֹם שֶׁסּוֹפְרִין וּמוֹנִין עֲדַיִן אֵין זוֹכִין לָצֵאת לְגַמְרֵי מִטֻּמְאָה לְטָהֳרָה וּלְקַבֵּל אֶת הַתּוֹרָה, אַף עַל פִּי כֵן בְּסוֹף הַסְּפִירָה זוֹכִין לְשָׁבוּעוֹת לְקַבֵּל אֶת הַתּוֹרָה עַל יְדֵי הַכֹּחַ וְהַזְּכוּת שֶׁסָּפְרוּ אַרְבָּעִים וְתִשְׁעָה יוֹם, כִּי בְּכָל יוֹם וָיוֹם מִימֵי הַסְּפִירָה מְקַבְּלִין מֹחַ וְדַעַת עַד שֶׁנִּשְׁלָם הַדַּעַת בְּיוֹם הַחֲמִשִּׁים וּמְקַבְּלִין אֶת הַתּוֹרָה ... וְאָז יִרְאֶה שֶׁאֵין שׁוּם תְּנוּעָה נֶאֱבֶדֶת ח"ו, וְעַל יְדֵי כָּל תְּנוּעָה וּבַקָּשָׁה שֶׁהוּא מְבַקֵּשׁ אֶת כְּבוֹדוֹ יִתְבָּרַךְ זָכָה לַעֲשׂוֹת אֵיזֶה תִּקּוּן, עַד שֶׁיִּזְכֶּה לַעֲלוֹת בְּתַכְלִית הָעֲלִיָּה, שֶׁזֶּהוּ סוֹד סְפִירָה וְקַבָּלַת הַתּוֹרָה וְכַנַּ"ל.

ווייטער ווערט געברענגט אין אר"י הקדוש,[כג] אז 'פסח' און 'שבועות' איז גאר די 'ערשטע טעג' און די 'אנדערע טעג' (ימים האחרונים של יום טוב), און די 'ימי הספירה' איז גאר 'חול המועד'! די גאנצע ימי הספירה איז נאר 'חול המועד', א מין 'חול המועד' צווישן די 'ימים ראשונים' און די 'ימים אחרונים'!

ממילא קומט אויס, אז 'חול המועד' איז נאר א 'דבר האבד' (מותר), דארף מען שוין ממעט זיין ממלאכה אזוי ווי 'חול המועד', חול המועד איז דאך נישט מותר אלע מלאכות! ס'איז א געוואלדיגע התעוררות התשובה - די ימי הספירה, עס איז ימי תשובה, טעג פון תשובה![כד]

*

ער ברענגט א זוהר הק',[כה] ער גלייכט צו דארטן (די ימי הספירה) צו די ז' נקיים, מיר דארפן אויך האבן ז' נקיים, אַן אשה דארף האבן ז' נקיים, מיר דארפן אויך האבן ז' נקיים!

וואס איז טייטש ביי אונז ז' נקיים? האלטן די אויגן ריין, האלטן דעם געדאנק ריין, און האלטן דאס מויל ריין, דאס איז ביי אונז ז' נקיים!

מיר גייען דאך סוף כל סוף אלע טאג אין מקוה, אבער וואס הייסט ז' נקיים? מען זאל זעהן דעם גוף רייניגן, זיבן ריינע וואכן זאלן מיר האבן, און דעמאלטס ווען ס'קומט שבועות - איז מען חתונה געהאט מיט די תורה!

(סוף ליקוטי מוהר"ן הנ"ל תו' ל' אות ג';) **וְזֶהוּ 'בַּת תְּחִלָּה', שֶׁהוּא הַשֵּׂכֶל הַתַּחְתּוֹן. 'סִימָן יָפֶה לְבָנִים', שֶׁעַל יָדוֹ מַשִּׂיגִין הַשֵּׂכֶל הָעֶלְיוֹן שֶׁהוּא בְּחִינַת בָּנִים כַּנַּ"ל. וְזֶהוּ 'סִימָן יָפֶה', שֶׁבּוֹ מְסֻמָּן וּמֻגְבָּל הַשֵּׂכֶל הָעֶלְיוֹן, בִּבְחִינַת 'שִׁיעוּרָא דְּאַתְוָן דְּאוֹרַיְתָא', בְּחִינוֹת 'שְׁחוֹרָה אֲנִי וְנָאוָה' כַּנַּ"ל.**

---

[כג] עי' ספר שפת אמת על התורה פרשת אמור ד"ה במדרש יום ליום יביע אומר, ועוד.

[כד] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא תו' ע"ג, (ובקיצור ליקוטי מוהר"ן שם).

[כה] עי' זוה"ק פרשת אמור דף צ"ז ע"ב, מובא הרבה בלקוטי הלכות.

# פרשת שמיני - תשל"ד (חלק ראשון)

(נמצא על טייפ הנ"ל)

## 'תשובה למעלה מן הזמן'

(חסר ההתחלה) - - - ביים רבי'ן איז געווען א ענין, 'ערב ראש השנה' איז געווען "וידוי דברים", מען איז אריינגעקומען צום רבי'ן זאגן "וידוי דברים"![כו]

איך האב געהערט פון "רבי אברהם רבי נחמן'ס", אז בשעת ער איז אריינגעקומען (אדם שנכנס אל רביז"ל), איז דער רבי געווען מיט'ן פנים צו דער וואנט, האט דער רבי יענעם נישט אנגעקוקט דעמאלטס, כדי אז יענער זאל נישט ווערן פארשעמט, איז דער רבי געווען מיטן פנים צום וואנט, (יענער האט) אפגערעדט דארטן און איז אוועקגעגאנגען, דער רבי האט א מאך געגעבן מיט דער האנט אזוי, און (יענער איז) אוועקגעגאנגען, מען האט דאך נישט געוואוסט ווען אוועקצוגיין (על כן רמז לו רבינו בידיו).[כז]

"רבי אברהם רבי נחמן'ס" האט געמאכט א חשבון, ביים רבי'ן איז געווזן א ראש השנה א פאר הונדערט מענטשן, פינעף הונדערט - זעקס הונדערט, ס'איז געווען אן עולם.[כח]

וויפיל איז דער ערב ראש השנה גרויס? ערב ראש השנה איז נישט אזא גרויסער טאג, ס'איז שוין סוף זומער, און מען האט דאך געדאוונט אויך, ס'איז א 'דאווענען' אויך געווען ביי אונז,[כט] און מען האט זיך געשטעלט דאווענען מנחה אסאך פריער, איז וויפיל האט געקענט בלייבן אין דער טאג? (געגוג צייט פאר וידוי דברים), פינעף שעה,

[כו] עי' כוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות כ"ד, אבני"ה ברזל - שיחות וסיפורים מרביז"ל אות ס"א, ועי' ליקו"מ תו' ד' ענין "וידוי דברים לפני התלמיד חכם".

[כז] עי' קונטרס "טעם זקנים" כ"ד - פרשת בא תשל"ד, ושיש"ק ח"ג אות צ"ה.

[כח] (עי' במכתב רבי אברהם ב"ר נחמן ז"ל הנדפס בס' ביאור הליקוטים סי' קנ"ה, לגבי הר"ה האחרון).

[כט] עי' חיי מוהר"ן אות ש"ה; שָׁמַעְתִּי שֶׁפַּעַם אַחַת עָמַד בְּעֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה אַחַר הַסְּלִיחוֹת וְאָמַר, אֲנָשִׁים אֲחֵרִים הָיוּ מְרֻצִּים שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם רֹאשׁ הַשָּׁנָה כְּמוֹ עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁהָיָה לָכֶם. וְאָמַר בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן, אַנְדֶערֶע וָואלְטְן זִיךְ גִּיוִוינְטְשְׁן אַזוֹי אַ רֹאשׁ הַשָּׁנָה וְכוּ'.

זעקס שעה! אין 'פינעף - זעקס שעה' איז דא דריי הונדערט מינוט, און אז ס'קומט אריין 'פינעף - זעקס הונדערט' מענטשן, בלייבט דאך איבער אפשר א האלבע מינוט פאר א מענטש, יעדער איינער האט געמוזט אריינגיין צום רבי'ן, ווי איז דא די צייט? ער זאל נאר וועלן 'איין מינוט' איז נישט מספיק, איז ווי האט ער געקענט אויסרעדן די וידוי דברים פארן רבי'ן?

האט רבי אברהם רבי נחמן'ס אזוי געזאגט, וויבאלד ער איז אריינגעקומען צום רבי'ן, איז אויף איהם נמשך געווארן א זכרון אויפ'ן מענטשן, האט ער אלעם געדענקט, און ער האט גערעדט איין ווארט איז שוין געווען כלול אלעס!

פארשטייסט? איז שוין אלעס געווען כלול אין דער זאך! א שברון לב פון אלעס! פון אלעס! ממילא דאס האט געקענט זיין אפילו א קליינע צייט.

*

דאס אייגענע איז - א איד דארף תמיד געדענקען אז ער האט דעם אויבערשטן דערצערנט, און ער האט דאך אזויפיל מאל דערצערנט דעם אויבערשטן, ווי קען זיין ער זאל דאס געדענקען?

דער תירוץ איז, אז דער אויבערשטער העלפט, אז מען האט א זכרון, אין דעם זכרון געדענקט ער אלעס! אין דעם 'שברון לב' מיט דעם 'זכרון', וואס ער האט - ליגט שוין אלעס צוזאמען!

*

ס'איז א געוואלדיגער רעיון, דאס גרויסקייט פון 'רצון'! טאקע (מ'דארף באמת רעדן) 'דיבורים' ממש, רעדן טאקע, אבער פונדעסטוועגן - א מענטש, ער רעדט צום אויבערשטן, אז ער האט א שעה קען ער אויסרעדן אסאך, אבער אז ער האט דארטן א מינוט צו האבן וידוי דברים, און לפי החשבון איז אפילו א מינוט אויך נישט געווען, וואס קען ער אויסרעדן אין דער צייט?

האט ער געגעבן צו פארשטיין, וויבאלד אז ס'ווערט אויף איהם נמשך דער זכרון, האט ער א זכרון, און ער האט א מרירות פון אלעס, איז גלייך ווי ער האט אלעס אויסגערעדט! דער רבי האט שוין מרגיש געווען די מרירות וואס ער האט!

**וועץ מען פלעגט אריינגיין צום רבי'ן, פארשטייט מען שוין וואספארא סארט מרירות דער מענטש האט דעמאלטס געהאט,[ל] אריינגיין צום רבי'ן און דערציילן דארט די -** (רבי נחמן בורשטיין ז"ל; ס'איז געפאלן א פחד אויך), **געוואלדיג, א געוואלדיגער פחד!**

**ס'איז געווען מענטשן אין די 'עולמות'** (- הויכע סארט מענטשן) **וואס האבן געהאט וידוי דברים, 'רבי יודל' האט געהאט וידוי דברים, 'רבי יצחק'** (חתן המגיד מ'טירהאוויצע), **'רבי שמואל אייזיק' האט געהאט וידוי דברים, און 'רבי נתן'! יעדער איינער איז** (געווען) **מחויב צו האבן וידוי דברים, ביי זיי איז געווען א אנדערע סארט וידוי דברים!**

(רנ"ב; דער וידוי דברים איז געווען נאר ערב ראש השנה?) **נאר ערב ראש השנה!**

(רנ"ב; און אז ס'איז געקומען א מקורב צום רבי'ן אינמיטן יאר האט ער נישט געהאט קיין וידוי דברים פאר איהם? דער רבי זאגט דאך 'בכל עת שבא אל הצדיק'?) **אין תורה ד' מיינסטו?! אזוי איז געוועזן, נאר ערב ראש השנה!**

**און נאר ביז לעמבערג, נאך לעמבערג האט זיך אויפגעהערט די וידוי דברים.[לא]**

*

**דער עיקר איז, אז דער אויבערשטער העלפט, אז ס'ווערט נמשך אויפ'ן מענטשן א זכרון, און דער זכרון וואס מען האט גערעדט פריער** (קומט) **פון 'שמחה',[לב] שמחה ברענגט זכרון, און עצבות איז גאר שכחה, דורך עצבות האט ער גארנישט קיין זכרון!**

**און א מענטש אז ער רעדט זיך אויס צום אויבערשטן, אז ער זאל האבן א שברון לב, איז תלוי אין דעם זכרון! אז ער האט זכרון, קען ער האבן א שברון לב! און זכרון איז תלוי ווייטער אין שמחה!**

**קומט דאך אויס גאר אז דער עיקר פון די תשובה איז תלוי אין שמחה! אז נישט - האט ער נישט קיין זכרון, און ער האט נישט קיין דיבורים, און ער האט גארנישט!**

---

[ל] עי' ליקוטי הלכות הל' גביית חוב מהיתומים ד' אות ג'; **זֶה נַעֲשֶׂה בְּכָל שָׁנָה וְשָׁנָה עַל יְדֵי צַדִּיקֵי הַדּוֹר הָאֲמִתִּיִּים שֶׁמְּקָרְבִים אֲנָשִׁים לַה' יִתְבָּרַךְ וּמַכְנִיסִים בָּהֶם הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה עַד שֶׁמִּתְוַדִּים וִדּוּי דְּבָרִים לִפְנֵיהֶם, וְעַל יְדֵיהֶם נִמְשָׁךְ אוֹר גָּדוֹל וְנוֹרָא לְכָל יִשְׂרָאֵל עַד שֶׁיֵּדְעוּ כֻּלָּם אֶת ה' לְמִקְּטַנָּם וְעַד גְּדוֹלָם...**

[לא] עי' כוכבי אור - שיחות וסיפורים, אות נ"ו.

[לב] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' נ"ד אות ו'; **כִּי עַל יְדֵי בְּחִינַת נִגּוּן וְשִׂמְחָה, יְכוֹלִין לִזְכֹּר עַצְמוֹ בָּעוֹלָם הַבָּא.** ועי' ספר המידות ערך זכירה אות י"ד; **עַל-יְדֵי עַצְבוּת בָּא שִׁכְחָה.**

*

(השואל, נאך לעמבערג איז שוין נישט געווען וידוי דברים, אבער אויפ'ן רבי'נס ציון?) **אויפ'ן רבי'נס ציון קען מען יא! ביים רבי'נס ציון קען איך דאך האבן וידוי דברים "שעה'ן"!**

**מען רעדט דאך דא ביים רבי'ן אליין, איז געווען דארט נאר געציילטע רגעים, איז ווי האט געקענט זיין ער זאל ארויסרעדן אלעס? ער האט געדארפט זיך אויסרעדן, אזוי גייט א 'שעה' זיך אויסצורעדן אלדינגס, איז ווי איז געווען צייט? אז יעדער איינער האט געמוזט אריינגיין צום רבי'ן?** (אלא התירוץ כנ"ל שנמשך זכרון).

*

**און "אין די תורה וואס דער רבי האט געזאגט ראש השנה האט זיך יעדער איינער געפונען"![לג] יעדער וואס האט גערעדט די וידוי דברים ערב ראש השנה, האט זיך געפונען אין דער תורה, גלייך ווי דער רבי רעדט פאר איהם דער תורה![לד] יעדער איינער האט געהאט אין דער תורה וואס ער באדארף!**

(רנ"ב; די תיקונים האט דער רבי געגעבן מוצאי ראש השנה?) **די צעטעלעך[לה]** (רנ"ב; דאס האט דער רבי געגעבן יעדעם איינעם לויט ווי ער האט גערעדט?) **יא! און דער רבי האט אנגעזאגט יעדעם איינעם ער זאל געדענקן אפהיטן!**

(רנ"ב; און דאס אליין דארף מען דאך אויכעט האבן צייט, אויפשרייבן די צעטלעך), **אויפ'ן רבי'ן פרעגט מען נישט!**

*

---

[לג] עי' תו' י"ג אות ג', וז"ל (בקיצור ליקו"מ); כָּל אֵלּוּ בְּנֵי אָדָם הַבָּאִים לַחֲכַם הַדּוֹר, כָּל אֶחָד וְאֶחָד יֵשׁ לוֹ אֵיזֶה רָצוֹן טוֹב, וְהַצַּדִּיק מַעֲלֶה כָּל אֵלּוּ הָרְצוֹנוֹת, וּבָזֶה הוּא מְחַדֵּשׁ נַפְשׁוֹתֵיהֶם שֶׁל אֵלּוּ הָאֲנָשִׁים הַבָּאִים אֵלָיו, וְעַל־יְדֵי־זֶה הוּא מֵבִיא הִתְגַּלּוּת הַתּוֹרָה שֶׁאוֹמֵר אָז בִּפְנֵיהֶם, נִמְצָא שֶׁיֵּשׁ לְכָל אֶחָד וְאֶחָד חֵלֶק בַּתּוֹרָה כְּפִי רְצוֹנוֹ. ועי' גם כעי"ז בחיי מוהר"ן אות כ', ועוד.

[לד] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' מ"ז תניינא; וְצָרִיךְ לָזֶה יְגִיעָה גְּדוֹלָה וְאֻמָּנוּת יְתֵרָה, שֶׁיּוּכַל לִשְׁקֹל בְּפֶלֶס דְּבָרָיו, בְּאֹפֶן שֶׁלֹּא יִשְׁמַע כָּל אֶחָד וְאֶחָד מֵהַשּׁוֹמְעִין כִּי־אִם מַה שֶּׁצָּרִיךְ לוֹ, לֹא יוֹתֵר. וְאַף־עַל־פִּי שֶׁהַכֹּל שׁוֹמְעִין כָּל הַתּוֹרָה שֶׁאוֹמֵר, עִם כָּל זֶה לֹא יִשְׁמַע כָּל אֶחָד רַק מַה שֶּׁצָּרִיךְ לְבַד ... עַל־כֵּן צָרִיךְ הֶחָכָם הָאוֹמֵר תּוֹרָה, שֶׁיִּהְיֶה לוֹ אֻמָּנוּת הַנַּ"ל, שֶׁלֹּא יִשְׁמַע שׁוּם אֶחָד מֵהַשּׁוֹמְעִין מַה שֶּׁאֵינוֹ לְפִי מֹחוֹ וַהֲבָנָתוֹ, שֶׁאֵינוֹ שַׁיָּךְ לוֹ כַּנַּ"ל.

[לה] עי' חיי מוהר"ן אות תצ"א, ושיחות הר"ן אות קפ"ה.

# 'כי קרוב אליך הדבר מאוד'

און דער רבי האט נישט געגעבן שווערע צעטלעך, נישט קיין שווערע זאכן, נאר לייכטע, און ער אנגעזאגט יעדן איינעם אז ער זאל זעהן מקיים זיין וואס ער שרייבט אין דעם צעטעלע, ווייל דער בעל דבר האט זיך אזויפיל מתגבר געווען אויף די צעטלעך, אז ס'איז א געוואלד.[לו]

דאס איז דאך געווען דער רבי וואס האט געזאגט פאר יעדן איינעם זיין שורש, דאס האט דאך געהערט צו זיין שורש התשובה, האט ער איהם אנגעזאגט אז ער זאל זייער אפהיטן די צעטעלע!

*

(רנ"ב, דאכט זיך עפעס אז איינער האט געזאגט צום רבי'ן איך האב געמיינט איר וועט אונז געבן עפעס -) יא יא, אזוי ווי ס'שטייט דארטן ביי נעמן, ביי אלישע, "רחץ וטהר"![לז]

דער אמת איז אזוי, די עצות וואס דער רבי גיבט - איז גארנישט קיין שווערע עצות, וואס איז די עצות? אויפשטיין חצות, און האבן התבודדות, דאס איז גארנישט אזעלכע שווערע עצות!

א 'סוחר' וואספארא סוחר ס'זאל נישט זיין, ווערט ער פארשווארצט, ער קען גארנישט אויסהאלטן, טאג און נאכט פארשווארצט און פארפינסטערט, און דא דארף ער די חובות צאלן, ער ווייסט נישט ווי ער איז אין די וועלט.

און דאס איז נישט קיין שווערע זאך! א מענטש זיצט זיך אין שטוב, און שטייט אויף חצות, און האט זיך התבודדות! צו ער האט א ווינקעלע, ער גייט אריין אין א

---

[לו] עי' שיחות הר"ן אות קפ"ה; וְכָל מַה שֶּׁצִּוָּה לַעֲשׂוֹת, אֲפִלּוּ הָיָה נִרְאֶה דָּבָר קַל וּפָשׁוּט מְאֹד, הָיָה כָּבֵד מְאֹד עַל הָאָדָם לַעֲשׂוֹת, וְהָיָה מֻנָּח עָלָיו כָּל מִינֵי כְּבֵדוּת וְהָיוּ עָלָיו כַּמָּה וְכַמָּה מְנִיעוֹת אַף עַל פִּי שֶׁהַדָּבָר הָיָה דָּבָר פָּשׁוּט, וְאִלּוּ לֹא הָיָה מְצַוֶּה רַבֵּנוּ ז"ל לַעֲשׂוֹת אוֹתוֹ הַדָּבָר, רַק הָאָדָם הָיָה רוֹצֶה לַעֲשׂוֹת זֹאת מֵעַצְמוֹ הָיָה קַל עָלָיו מְאֹד לַעֲשׂוֹת, אֲבָל כְּשֶׁצִּוָּה רַבֵּנוּ ז"ל לַעֲשׂוֹתוֹ הָיָה כָּבֵד מְאֹד...

[לז] עי' חיי מוהר"ן אות תצ"ב; פַּעַם אַחַת נָתַן לְאֶחָד הַצֶּעטְל, וְאָמַר לוֹ זֶה שֶׁקִּבֵּל הַצֶּעטְל לְרַבֵּנוּ ז"ל, הָעוֹלֶה עַל דַּעְתֵּנוּ לֹא הָיָה כָּךְ, כִּי הָיִינוּ סְבוּרִים שֶׁתְּצַוּוּ לָנוּ לְהִתְעַנּוֹת הַרְבֵּה יָמִים בַּשָּׁנָה ... הֵשִׁיב, הֲלֹא אֱלִישָׁע אָמַר לְנַעֲמָן (מְלָכִים־ב ה) רְחַץ וּטְהָר, וְלֹא רָצָה לְהַאֲמִין שֶׁבַּדָּבָר הַקַּל הַזֶּה יִהְיֶה לוֹ רְפוּאָה ... כֵּן אַתֶּם נִדְמֶה לָכֶם שֶׁצְּרִיכִין דַּוְקָא לוֹמַר לִרְפוּאַתְכֶם דְּבָרִים כְּבֵדִים, וְאֵין אַתֶּם מַאֲמִינִים שֶׁבַּדָּבָר קַל שֶׁאֲנִי מְצַוֶּה לָכֶם לַעֲשׂוֹת יִהְיֶה לָכֶם רְפוּאָה שְׁלֵמָה רְפוּאַת הַנֶּפֶשׁ בֶּאֱמֶת...

שול אריין, זיצט אויף א פלאץ און האט התבודדות, וואס איז אזויפיל שווער מקיים צו זיין?![לח]

דער תירוץ איז, ווייל דערינען איז תלוי אינגאנצן זיין תיקון, מאכט דער בעל דבר אזא מין שוועריקייט, גלייך ווי די שווערסטע עבודה פון די וועלט! ער קען גארנישט אויסהאלטן! ווי קען ער עס אויסהאלטן? ווי קען ער עס אויסהאלטן?!

*

אין ספר המידות[לט] ברענגט דער רבי, "**יש להקל אופן התשובה על החוטאים**", מען זאל זעהן מיקל זיין דעם אופן התשובה על החוטאים!

פון רבי'ן קומט אויס, אז דער עיקר תשובה ביים רבי'ן איז געווען - "רעדן דיבורים צום אויבערשטן"! "**קחו עמכם דברים ושובו אל ה'**"![מ] דער עיקר תשובה - רעדן דיבורים צום אויבערשטן - דאס איז דער עיקר תשובה!

וואס איז עס אזויפיל שווער? רעדן צום אויבערשטן דיבורים! וואס איז אזויפיל שווער דא? ער הויבט אָן רעדן, קוקט ער שוין אויפ'ן זייגער, ער זאל שוין אפ'פטר'ן, ס'איז שוין געענדיגט! ס'איז שוין דא (- א 'שעה')!...

פון וואנעט נעמט זיך אזא מין כבדות? מען זעהט דאך ארויס א 'מעשה בעל דבר', אז מען רעדט איינער מיטן צווייטן, מען שטייט און מען רעדט, קען מען אפרעדן שעה'ן און ס'ווערט נישט נמאס צו רעדן, ווער שמועסט נאך אז ער האט א כח הדיבור, ער דערציילט מעשה'ס מיט געשעפטן, נייעס'ן, שטייט מען און מען הערט

---

[לח] עי' חיי מוהר"ן אות תקנ"ח; שָׁמַעְנוּ פַּעַם אַחַת מִשִּׂיחוֹתָיו הַקְּדוֹשִׁים, שֶׁאָמַר בְּפִיו הַקָּדוֹשׁ, שֶׁהָעֲבוֹדָה הַגְּדוֹלָה שֶׁבִּגְדוֹלוֹת בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, קַלָּה בְּיוֹתֵר לַעֲשׂוֹת מֵעֵסֶק קִנְיָן שֶׁמִּטְרִיחִין עַצְמָן בִּשְׁבִיל פַּרְנָסָה וְעִסְקֵי הָעוֹלָם הַזֶּה... (הוּבָא בְּלִקּוּטֵי הֲלָכוֹת הִלְכוֹת תְּפִלַּת עַרְבִית הֲלָכָה ד' אות ז).

[לט] עי' ספר המדות - ערך תשובה אות י"ט.

[מ] עי' ליקוטי הלכות הל' קריאת שמע ה' אות י"ח; ...שֶׁאֵין אָנוּ צְרִיכִין רַק לִיקַח דְּבָרִים וְלָשׁוּב אֵלָיו, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (הוֹשֵׁעַ יד), "קְחוּ עִמָּכֶם דְּבָרִים וְשׁוּבוּ אֶל ה'". וְדָרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ ז"ל, אֵינִי מְבַקֵּשׁ מִכֶּם אֶלָּא דְּבָרִים ... וּמִי שֶׁיֵּדַע כָּל זֹאת בֶּאֱמֶת בְּוַדַּאי בְּקַל יָשׁוּב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מִכֹּל מָקוֹם שֶׁהוּא אֲפִלּוּ אִם יַעֲבֹר עָלָיו מָה, כִּי תָּמִיד יוּכַל לִיקַח דִּבּוּרִים מֵאִתּוֹ יִתְבָּרַךְ אִם יִרְצֶה...

ועי' הל' חדש ד' אות י'; וְזֶה, קְחוּ עִמָּכֶם דְּבָרִים וְשׁוּבוּ אֶל ה'. 'עִמָּכֶם' דַּיְקָא בַּמָּקוֹם אֲשֶׁר אַתֶּם שָׁם אֲפִלּוּ בִּמְקוֹמוֹת נְמוּכִים וּמְגֻשָּׁמִים מְאֹד, אַף עַל פִּי כֵן קְחוּ עִמָּכֶם דַּיְקָא דְּבָרִים, וְעַל יְדֵי זֶה תָּשׁוּבוּ אֶל ה', כִּי כָּל זְמַן שֶׁיִּהְיֶה עִמָּכֶם דְּבָרִים בְּוַדַּאי יֵשׁ לָכֶם תִּקְוָה תָּמִיד לָשׁוּב אֶל ה'....

און מען הערט, ס'ווערט גארנישט נמאס, און דא אז מען דארף רעדן (דיבורים צום אויבערשטן)?

ווייל דאס איז דער גדול כח התשובה, דאס איז דער שורש התשובה, איז עס געוואלדיג שווער!

*

## מאך נישט 'בעסער'!...

דער רבי האט דאך א זאג געגעבן;[מא] "**דאס טעוועלע איז א מניעה צום ספר**"! דער ספר איז פארמאכט, מען דארף עפענען דאס טעוועלע, איז עס א מניעה! מען דארף צוברעכן א מניעה און עפענען דעם ספר!

מען דארף אסאך בעטן דעם אויבערשטן! (דעם רבי'נס זאך איז) א תמימות'דיגע זאך, אז דו דרייסט זיך ביי דעם רבי'ן, און דער רבי זאגט 'אזוי', דו גייסט אין זיין חדר - דארפסטו פאלגן דעם רבי'ן!

אז דער רבי איז אפגעהיט, אז ער זאגט נישט אָן קיין שווערע זאכן אויף דיר, און דו גייסט דאך אין זיין חדר, דו ביסט זיינער א תלמיד, זיינער א 'חדר אינגל',[מב] פאלגן!

אבער אז מען גייט אוועק אין דער זייט, און די דיבורים פונעם צדיק איז מען מקיים פארקרומטערהייט, נישט גלייך אזוי ווי ער האט עס געזאגט, נאר מיט א קוועטש, א דריי, האט עס שוין נישט דעם 'חן'! עס איז שוין נישט - עס האט שוין נישט דעם 'חן'!

אז עס גייט ארויס אזוי ווי דער צדיק האט עס געזאגט, און אזוי איז מען עס מקיים, האט עס א אנדערע 'חן', האט עס א אנדערע 'אמת', און ס'איז טאקע מער 'פועל' אויך! אויב וויל ער פארפוצן האט עס שוין נישט דער 'חן'!

*

[מא] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא תו' ל"ו; תֵּכֶף שֶׁנַּעֲשֶׂה סֵפֶר מִן הַתּוֹרוֹת הַגְּבוֹהוֹת וְהַנִּפְלָאוֹת מְאֹד מְאֹד, מֵאַחַר שֶׁנַּעֲשָׂה מֵהֶם סֵפֶר, יֵשׁ עֲלֵיהֶם חִפּוּיִים וְהַסְתָּרוֹת, שֶׁנֶּחְפֶּה וְנִסְתָּר אוֹרָם הַצַּח וְהַנִּפְלָא. וְהַדַּפִּין שֶׁל כְּרִיכָה הֵם מְחַפִּים וְכוּ'.

[מב] עי' עלים לתרופה - מכתבי מוהרנ"ת ש"י; וּבֶאֱמֶת צְרִיכִין לְהַתְחִיל לִלְמֹד עִמְּךָ וְעִם כֻּלָּנוּ מֵחָדָשׁ "קָמֵץ אָלֶף" בְּכָל תּוֹרָה וְתוֹרָה שֶׁגִּלָּה הוּא זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה...

מען דערציילט דאך פונעם 'רַב' (הבעל התניא ז"ל), דערציילן זיי אז דער רב האט געהאט א מלמד, ער האט געלערנט דארט מיט זיינע אייניקלעך, א מלמד א גרויסער למדן געווען, דער רב איז דורכגעגאנגען אמאל, האט ער געזעהן ווי דער מלמד לערנט א סוגיא, א שווערע סוגיא, דער מלמד האט זיך געמאטערט מיט די סוגיא צו געבן פארשטיין דארטן.

איז אריינגעגאנגען דער רב, און ער האט איבערגערעדט די סוגיא פאר דעם מלמד, און פאר דעם מלמד האט זיך געעפענט די אויגן, "אה געשמאק, גוט, פיין"! נאכדעם האט ער נאכאמאל איבערגעלערנט (הרב עם המלמד באופן אחר מהראשון), און דער אנדערע מאל איז שוין געווען זייער שווער.

זאגט ער צום מלמד; "וועלכעס איז בעסער, 'פריער' צו 'איצטער'"? (ענה המלמד); "אוודאי איז פריער געווען בעסער"! (אמר לו הרב); "**פריער איז געווען שענער, איצטער איז אמת'ער**"![מג]

די פריערדיגע איז טאקע געווען שענער, אבער אמת'ער איז 'איצטער'! כאטש ס'איז זייער געקוועטשט, זייער בדוחק, ס'איז אבער אמת'ער! ס'איז פארהאנען אמאל א זאך אז מען פארפוצט - ס'איז טאקע שענער אבער (נישט אמת לאמתו)![מד]

וויל נישט 'מאכן'!!! (- איזה שינויים), אט דאס איז דער עצה! דאס איז דער עצה!

- - - מען דארף אסאך בעטן דעם אויבערשטן, אז דעם רבי'נס זאך זאל מען אננעמען 'גלייך'! נישט וועלן מאכן קיין 'דריי', דארף מען אסאך בעטן דעם אויבערשטן, ס'זאל זיין אָן שום פארפוצ'אכץ!

"וויל נישט 'פארפוצן'"!!! "וויל נישט מאכן 'בעסער'"!!! נאר אזוי ווי ס'איז ארויסגעגאנגען מפיו הקדוש - אזוי זאל מען אננעמען די עצה! איי ס'איז דיך שווער?

---

[מג] עי' קונטרס "טעם זקנים" ה' - חשוון תשל"ז.

[מד] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' נ"ד אות ו'; וְזֶה הַכֹּחַ הַמְדַמֶּה, הוּא מְבַקֵּשׁ תָּמִיד כְּלִי לִשְׁכֹּן שָׁם, וְעַל־כֵּן הוּא מַחֲזִיר תָּמִיד לִשְׁרוֹת עַל־פִּי שׁוֹנֶה הֲלָכוֹת, וְעַל־כֵּן אִם הֵם מְחַדְּשִׁים דָּבָר בַּתּוֹרָה, הוּא חִדּוּשׁ נָאֶה וּמִתְקַבֵּל (בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז גְּלַיךְ). כִּי הוּא בָּא מִכֹּחַ הַמְדַמֶּה, שֶׁהוּא מְדַמֶּה מִלְּתָא לְמִלְּתָא, אַךְ שֶׁהָרַע שֶׁבּוֹ הוּא יוֹתֵר מֵהַטּוֹב... ועי' גם תו' כ"ח אות א' מענין האלפי"ן נפולין, ובתו' רע"ט מענין התורות "שהם רחבים מלמטה וקצרים מלמעלה".

אזוי זאלסטו גיין! דעמאלטס איז זי מסוגל, דעמאלטס גיבט זי ארויס אירע כוחות און אירע סגולות![מה]

## על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

מוה"ר **נתן פיש** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
**לרגל שמחת ארוסי בתו למזל טוב**

מוה"ר **מרדכי יצחק פערלשטיין** הי"ו
מאנסי יצ"ו
ומחותנו הרב **מענדל מאיר פריעדמאן** שליט"א
וויליאמסבורג יצ"ו
**לרגל שמחת נישואי בניהם למזל טוב**

מוה"ר **רפאל אהרן קנאפלער** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת נכדו למזל טוב**

מוה"ר **יעקב שלמה געלב** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב**

מוה"ר **יונה שווארטץ** הי"ו
בלומינגראוו יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב**

מוה"ר **עקיבא הערצאג** הי"ו
מאנסי יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב**

מוה"ר **משה יצחק שטיינער** הי"ו
מאנסי יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב**

---

[מה] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' קכ"ג; הָעִקָּר וְהַיְסוֹד שֶׁהַכֹּל תָּלוּי בּוֹ, לְקַשֵּׁר עַצְמוֹ לְהַצַּדִּיק שֶׁבַּדּוֹר, וּלְקַבֵּל דְּבָרָיו עַל כָּל אֲשֶׁר יֹאמַר כִּי הוּא זֶה, דָּבָר קָטָן וְדָבָר גָּדוֹל, וְלִבְלִי לִנְטוֹת ח"ו מִדְּבָרָיו יָמִין וּשְׂמֹאל, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ ז"ל 'אֲפִלּוּ אוֹמֵר לְךָ עַל יָמִין שְׂמֹאל' וְכוּ'. וּלְהַשְׁלִיךְ מֵאִתּוֹ כָּל הַחָכְמוֹת, וּלְסַלֵּק דַּעְתּוֹ כְּאִלּוּ אֵין לוֹ שׁוּם שֵׂכֶל, בִּלְעֲדֵי אֲשֶׁר יְקַבֵּל מֵהַצַּדִּיק וְהָרַב שֶׁבַּדּוֹר.